ייִוואָ

# זומער אין ניו־יאָרק

ZUMER IN NYU-YORK

YIVO
INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

# YIDDISH SUMMER TIMES

NUMBER 2 • FALL 2002 נומער 2 • האַרבסט תשס״ג

Alumni Newsletter of the Uriel Weinreich Program in Yiddish Language, Literature and Culture

בולעטין פֿאַר געוועזענע באַטייליקטע אין דער פּראָגראַם אין ייִדישער שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור א״נ אוריאל ווײַנרײַך

## פֿון קאַליפֿאָרניע צו ייִדיש

**פֿון ד״ר שאָול ראַדענסקי (אַלומ׳ 88׳)**

איך בין דערצויגן געוואָרן אין אַ מער־ווייניקער אַקולטורירטער משפּחה אין דרומדיקן קאַליפֿאָרניע. טייל פֿון מײַן אַזוי צו זאָגן ייִדישער אידענטיטעט איז געווען די קליינע צאָל ייִדישע ווערטער, וואָס דער טאַטע האָט גענוצט אין דער היים. די עטלעכע ווערטער זענען געווען דער זוימען וואָס האָט אויפֿגעשפּראָצט, ווען איך האָב אָנגעהויבן שטודירן ייִדיש אין לעצטן אוניווערסיטעטישן יאָר אין בערקלי. איך בין שוין געהאַט געגאַנגען אויף אַלע העכערע העברעיִש־קורסן און האָב אָנגעהויבן צו פֿילן, אַז ייִדיש איז אַ וויכטיקער טייל פֿון דער ברייטער ייִדישער קולטור. מײַן ייִדיש־לערער איז געווען לייבל טאַלמי, אַ קענער פֿון אינדיאַנער שפּראַכן און אַ געבוירענער ייִדיש־רעדער. פֿון לייבלען, וואָס איז געווען כּמעט בלינד, האָב איך אָנגעהויבן לערנען נישט נאָר ייִדישע שפּראַך, נאָר אויך ייִדישקייט.

ווען איך בין אין 1987 געקומען קיין ניו־יאָרק האָב איך געבראַכט מיט זיך מײַן ענטוזיאַזם פֿאַר ייִדיש, אָבער אַ קנאַפּ קענטעניש דערין.


COURTESY PAUL RADENSKY

אינעם מאַגיסטער־פּראָגראַם פֿון ייִדישע לימודים בײַם ייִדישן טעאָלאָגישן סעמינאַר האָב איך זיך אויך באַטייליקט אין ייִדישע ליטעראַטור־קלאַסן. איך האָב באַשלאָסן אַז איך בין גרייט צו לייענען די טעקסטן אין אָריגינאַל. אָנגעהויבן האָב איך מיט שלום־עליכמס „דאָס מעסערל״ און ווען איך האָב זאָרגעווודיק איבערגעזעצט און פֿאַרשטאַנען דעם טײַטש פֿון יעדער וואָרט און יעדער זאַץ האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך טראַכט זיך אַרײַן אין אַ תּלמודישער ממרא. געהאַלטן האָב איך שוין אין פֿאַר־ליבן זיך אין ייִדיש.

מיט דער הילף פֿון אַ סטיפּענדיע האָב איך זיך אין 1988 פֿאַרשריבן אין דער זומער־פּראָגראַם א״נ אוריאל ווײַנרײַך. דאָרט האָב איך זיך באַקענט מיט דער תּנך־איבערזעצונג יהואָשעס, מיט די שאַפֿונגען פֿון י.־ל. פּרץ און מיט דער טראַדיציאָנעלער יידישער „קלעזמער״־מוזיק. איך האָב יענעם זומער זיך אײַנגעשאַפֿן אַ נישקשהדיק ייִדיש־קענטעניש. איך האָב אַפֿילו געהאַלטן אַ רעפֿעראַט – פֿאַרשטייט זיך, אין גאַנצן אויף ייִדיש – וועגן דער אויסטערלישער טעמע ווי אַזוי מע מאַכט קאָמפּאָסט.

אַ דאַנק דער זומער־פּראָגראַם האָב איך שוין געקענט פֿאָרשן די ייִדישע ליטעראַטור און קולטור מיט אַן אינעווייניקסטער פּערספּעקטיוו. נאָכן באַקומען מײַן צווייטן מאַגיסטער־דיפּלאָם, דאָס מאָל פֿון קאָלומביע־אוניווערסיטעט, האָב איך אָנגעהויבן שטודירן אויף אַ דאָקטאָ־ראַט אין געשיכטע פֿון מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן אין ייִדישן טעאָלאָ־גישן סעמינאַר. סײַ אין קאָלומביע סײַ

(המשך אויף זײַטל 9)

## FROM CALIFORNIA TO YIDDISH

**by Dr. Paul Radensky (alum '88)**

I grew up in Southern California in a fairly acculturated Reform Jewish family. Part of what I considered to be my Jewish identity was rooted in the small amount of Yiddish that my father used at home. Those few words were dormant seeds that germinated when I began studying Yiddish in my senior year at Berkeley. I had already taken practically every upper-level Hebrew course that was offered and I was beginning to grasp that Yiddish represented an important part of Jewish culture. My Yiddish instructor was Leybl Talmy, an advanced student of Native American languages and a native speaker of Yiddish. With Leybl, who was nearly blind, I learned not only the basics of the Yiddish language, but also the fundamentals of *yidishkayt*.

When I came to New York in 1987, I brought with me my passion for Yiddish but only one semester's worth of knowledge. While in the Master's program in Jewish Studies at the Jewish Theological Seminary, I took some Yiddish literature classes. I decided I was ready to do the readings in the original. Sholem Aleichem's "*Dos meserl*" was my first book. As I painstakingly translated and made sense of each word and each

(CONT. ON PAGE 9)

## IN THIS ISSUE

Alumni Profile . . . . . . . . . . . . . . . . 1, 9
Alumni Photos* . . . . . . . . . . . . . . 1-10
Director's Greetings . . . . . . . . . . . . . . 2
Yiddish Pulp Fiction and More . . . . . . 3
YIVO and Yiddish on the Internet . . . 3
*Siyem-hazman* 2002 . . . . . . . . . . . 4-6
Yiddish Activity at YIVO . . . . . . . . . . . 7
Alumni Publications . . . . . . . . . . . . . . 8
Friends of the *Zumer-program* . . . . 10
*Courtesy of YIVO Archives unless otherwise noted

# WELCOME ALUMNI!

**by Yankl Salant (alum ’85),**
**Director of Yiddish Language Programs**

I am pleased to present the second issue of *Zumer in nyu-york*, the alumni newsletter of YIVO’s Uriel Weinreich Program in Yiddish Language, Literature and Culture. We have met the challenge of the 21st century and have prepared this issue for the World Wide Web only. Since the last issue, which appeared in 2001, alumni have been sending in requests for their copy of *Zumer in nyu-york* and have provided us with their most current contact information. The network of alumni has also been expanded with the addition of 127 alumni who have completed the last two summers.

In this issue you will find more alumni profiles and projects along with some inspiring words from the closing ceremonies of the 2002 program.

Summer 2003 will be the 36th anniversary of the *zumer-program*. The 36th is a significant anniversary because 36 is a multiple of 18. The meaning of the Hebrew number 18, or **חי**, is life. So next summer will be life squared for the *zumer-program*. Hurrah! We plan to celebrate this important anniversary by hosting a *zumer-program* reunion at YIVO at some point during July 2003. We will keep you informed as plans progress.

We would like to include even more news of alumni in the Anniversary Issue of *Zumer in nyu-york*. We invite you all to inform us of your most recent activities related to Yiddish and Yiddish culture. Please also send us your updated contact information. This information will be entered into our alumni database which we maintain so that we can stay in contact with you and you can stay in contact with each other. I hope to see you in the next issue of *Zumer in nyu-york*—and at the reunion too!



זומער־פּראָגראַמניצע שׂרה שוואַרץ גייט פֿאַרבײַ העמילטאָן־האָל, 1990.

*Zumer-programnik* Sarah Swartz crosses in front of Hamilton Hall, 1990.

# זײַט באַגריסט!

**פֿון יאַנקל סאַלאַנט (אַלומ’ 85’),**
**דירעקטאָר פֿון ייִדיש־שפּראַך־פּראָגראַמען**

שלום־עליכם! איך פֿריי זיך, וואָס ס’איז איצט אַרויס דער צווייטער נומער **זומער אין ניו־יאָרק**, דער בולעטין פֿאַר געוועזענע באַטייליקטע אין דער פּראָגראַם אין ייִדישער שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור א״נ אוריאל ווײַנרײַך. מיר זײַנען אַנטקעגנגעקומען די פֿאָדערונגען פֿונעם 21סטן יאָר־הונדערט מיטן צוגרייטן דעם נומער **זומער אין ניו־יאָרק** בלויז אויף דער אינטערנעץ. זינט דעם אַרויסקומען אין 2001 פֿונעם ערשטן נומער פֿאַרלאַנגען געענדיקטע פֿון דער פּראָגראַם זייערע אייגענע עקזעמפּלאַרן פֿונעם בולעטין און שטעלן אונדז צו זייערע קאָאָרדינאַטן. דערווײַל האָט זיך פֿאַרגרעסערט די נעץ געוועזענע זומער־פּראָגראַמניקעס מיט נאָך 127 געענדיקטע פֿון די פֿאַרגאַנגענע צוויי זומערן.



ROLAND MILLMAN

אין דעם נומער **זומער אין ניו־יאָרק** געפֿינען זיך נאָך פּראָפֿילן און פּראָיעקטן פֿון געוועזענע סטודענטן און לערערס, צוזאַמען מיט באַגײַסטערנדיקע רייד פֿונעם סיום־הזמן פֿון דער זומער־פּראָגראַם 2002.

זומער 2003 וועלן מיר אָפּריכטן דעם 36סטן יובֿל פֿון אונדזער טײַערער פּראָגראַם. מיר האָבן שוין דערלעבט צוויי מאָל חי! ויוואַט! מיר וועלן פּראַווען דעם וויכטיקן יובֿל מיט אַ ווידערטרעף פֿון געוועזענע זומער־פּראָגראַמניקעס, וואָס וועט פֿירקומען יולי 2003 אין ייִוואָ. מיר וועלן אײַך לאָזן וויסן די פּרטים ווי נאָר זיי וועלן באַשטימט ווערן.

אינעם יובֿל־נומער **זומער אין ניו־יאָרק** פּלאַנירן מיר אַרײַנצונעמען נאָך מער נײַעס פֿון געענדיקטע. פֿאַרבעטן מיר אײַך געוועזענע זומער־פּראָגראַניקעס, איר זאָלט אונדז געבן צו וויסן וועגן אײַערע נײַסטע אַקטיוויטעטן אין שײַכות מיט ייִדיש און ייִדישער קולטור. זײַט אַזוי גוט און שיקט אונדז אויך אײַערע דערהײַנטיקטע קאָאָרדינאַטן. אַלץ וואָס איר שיקט אונדז וועט אַרײַן אין אונדזער דאַטן־באַזע, וואָס מיר פֿירן כּדי צו בלײַבן אין קאָנטאַקט מיט אײַך און כּדי איר זאָלט בלײַבן אין קאָנטאַקט איינער מיטן צווייטן. איך האָף אײַך צו זען אינעם קומעדיקן נומער **זומער אין ניו־יאָרק**–און בײַם ווידערטרעף אויך!


**ZUMER IN NYU-YORK זומער אין ניו־יאָרק**
**Yiddish Summer Times**
**YIVO Institute for Jewish Research**
**ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט – ייִוואָ**
15 W. 16 Street • NY, NY 10011-6301 • tel 212/246.6080 • fax 212/292.1892
www.yivo.org

Bruce Slovin, Chairman of the Board • Dr. Carl Rheins, Executive Director
Ella Levine, Director of Development and External Affairs
Dr. Paul Glasser, Associate Dean
Yankl Salant, Director of Yiddish Language Programs

Editor, Designer: Yankl Salant
Contributors: Elise Fischer, Gella Fishman, Shaindel Fogelman, Paul (Hershl) Glasser, Ellen Kellman, Roland Millman, Paul Radensky, Carl Rheins, Miriam-Khaye Seigel, Yermiahu Ahron Taub

# YIDDISH PULP FICTION AND MORE

## A GROUND-BREAKING STUDY OF THE SERIALIZED NOVEL

**By Dr. Ellen Kellman (alum ’84-’85), based on her Ph.D. dissertation, *The Newspaper Novel in the Jewish Daily Forward (1900-1940): Fiction as Entertainment and Serious Literature***

The *tsaytung-roman* (novel serialized in the daily newspaper) was a characteristic feature of Yiddish journalism in America from the inception of the daily press in the late nineteenth century. A symbiosis of the Yiddish novel and the Yiddish newspaper grew out of the economic circumstances of immigrant life of the eighteen-nineties, when the fledgling Yiddish newspaper industry began to compete with book publishers for a share of the market in Yiddish popular literature. By printing novels in daily installments, the papers weakened the demand for Yiddish books, thus establishing themselves as the prime source of low- and middle-brow fiction in Yiddish.



Focusing on novels published in the socialist newspaper *Forverts [Jewish Daily Forward]*, this study examines the importance of the novel in the American Yiddish press and the role of the press in the development of the Yiddish novel.

Edited for over forty years by Abraham Cahan, the *Forverts* played a key role in the acculturation of the immigrant Jewish working class. The *tsaytung-roman* was one of its most widely-read features. Between 1900 and 1940 the *Forverts* serialized approximately two hundred novels. Most were formulaic works that followed the conventions of melodrama and romance and were intended to be entertainment literature. Their themes reflect the social and familial issues that preoccupied immigrant Jews in the early decades of the twentieth century, such as the loss of parental authority, shifts in sexual norms and gender roles, the breakdown of barriers to secular culture and the social leveling brought about by economic opportunity. While imitative of low-brow European romance literatures, these serials employed formulae infused with the acculturationist politics of the *Forverts*.

The *Forverts* also printed serious novels, professing to select only the finest contemporary works written in Yiddish for publication. Nine works by Sholem Asch, Zalmen Shneour and Israel Joshua Singer are examined here in light of the *Forverts*’ politics of acculturation and Cahan’s mandate that all serious fiction published in his paper adhere to a poetics of fictional realism as defined by him.

---

Ellen Kellman began her career as a Yiddish instructor teaching in the *zumer-program* a few years after her time as one of its students. She is currently Lecturer in Yiddish in the Department of Near Eastern and Judaic Studies at Brandeis University. She received her Ph.D. from the Columbia University Yiddish Studies Program in August 2000.

## KELLMAN: THE CROWDS WENT WILD

I have long been fascinated with the history of reading among Yiddish-speakers and its impact on their daily lives. The influential Yiddish daily, the *Forverts*, seemed to be an ideal publication on which to center my study. One of the most popular novels the *Forverts* ever ran was *“Di umgliklekhe kale fun sofok-strit” (The Unhappy Bride of Suffolk Street)*. This novel is about conflicts between the more firmly established German Jewish community and the Eastern European newcomers. Amidst the melodrama, such serious questions arise as what should second-generation immigrants do with their lives and what is the meaning of family continuity in the new country.

To capitalize on the popularity of this novel, a stage version was opened on Second Avenue as the *Forverts* version was drawing to a close. Naturally, people flocked to the theater to find out ahead of time what was going to happen to the “friends” they had grown to love. The crowds went wild, at times loudly warning characters of dangers or attempting to thwart others from committing heinous acts. The intensity with which literature was embraced by ordinary people captivated me as a scholar and a reader.

I am also interested in how the serialization of the novel shaped the development of Yiddish literature. I am now shifting my focus to the works of serious literature that Ab. Cahan refused to publish. I have already begun examining his role in Dovid Bergelson’s brief and unsuccessful career as a *Forverts* writer.

### Yiddish on the Web יִידיש אויפֿן „וועב“

Visit the YIVO Website: גייט אין ייִוואָ־וועבזײַטל:

**www.yivo.org**

At the following website, you will find links to many other sites with Yiddish content:

אינעם ווײַטערדיקן וועבזײַטל קען מען געפֿינען

פֿאַרבינדונגען מיט אַ סך אַנדערע ייִדיש־רעסורסן:

**www.yiddishvoice.org**



ROLAND MILLMAN

ליודמילאַ שאָלאָכאָוואַ, סיום־געזעגענער 2002.

Lyudmila Sholokhova, 2002 Class Valedictorian.

## SIYEM-HAZMAN 2002

A fitting tribute to a successful summer, the *siyem-hazman* featured a keynote address, a valedictory address and an array of student presentations which served in part as a showcase for emerging Yiddish cultural talent.

After the thought-provoking keynote speech by Gella Fishman (reproduced on following pages in an extended excerpt), Class Valedictorian Lyudmila Sholokhova described her path to Yiddish through her work in the Jewish Department of the Ukraine National Library. During her tenure there, she compiled the first catalog of all the recordings and musical manuscripts in the An-sky, Kiselhof and Beregovsky Archival Collection, which was published last year. Having immigrated to New York, her work here allows her to incorporate *yidishkayt* into the development of Jewish educational and cultural projects destined for Russia and Ukraine.

Of the 59 students who completed the program, many were proud to display their accomplishments after a summer of hard work in the form of essays read aloud, poems recited, songs sung and skits performed. One highlight from the student program was a beautiful a cappella rendition of *Zingendik* conducted by Reuben Zellman of the Elementary class (lyrics by Zisha Weinper, music by Paul Lamkoff). To introduce the song, Amanda Seigel of the Advanced class chanted an original piece of *badkhones* (reproduced on p. 6) written by her.

We hope to continue to focus attention on exceptional moments from each future *siyem-hazman*.

## YIDDISH ACROSS GENERATIONS

**by Gella Schweid Fishman (alum '74-'75)**

First of all, I would like to greet you and let you know that I feel honored to have been invited to speak to you today. I would also like to express my appreciation of all of you for the work you have done this summer.

But I must say that I did not come here just to pay you compliments. You do deserve it, but I came to say a few serious words. And I hope you will think hard about what I have to say. I have no answers to the questions that I am about to ask. They are questions for which each of you will have to find your own answers.

I came to speak to you about one word, and that word is intergenerationality. In my day it was called the *goldene keyt* (golden chain). I was born in America, was a student in a Yiddish school and I became a teacher. And I was taught that I have a responsibility, a responsibility to add my ring to the long *goldene keyt*. That is *hemshekh* (continuity). I stand here today and teach about the past. And I want to bring the past and the present towards a future. That is *hemshekh*. These are experiences across the generations.

What will your intergenerational experiences be? And what does intergenerationality mean?

(CONT. ON PAGE 6)

## צווישנדורותדיקע מעשׂים

**פֿון געלע שווייד פֿישמאַן (אַלומ' 74'-75')**

קודם־כּל וויל איך אײַך באַגריסן און באַדאַנקען, וואָס איר האָט מיר אָנגעטאָן אַזאַ כּבֿוד, אַז איך זאָל קענען קומען רעדן פֿאַר אײַך. איך וויל אײַך אַלעמען לויבן פֿאַר דער אַרבעט וואָס איר האָט אַלע געטאָן דעם זומער־דאַנקען און לויבן.



אָבער איך מוז אײַך זאָגן, אַז איך בין נישט נאָר געקומען אײַך געבן אַ קוש אין קעפּל און צוויי קושן אויף די באַקן. דאָס קומט אײַך דאָך, אָבער איך בין נישט געקומען געבן בלויז קאָמפּלימענטן. איך בין געקומען רעדן אַ פּאָר ערנסטע ווערטער. און איך האָף, אַז איר וועט זיך פֿאַרטראַכטן אין דעם. איך האָב נישט קיין ענטפֿערס אויף די פֿראַגעס וואָס איך וועל אײַך שטעלן. דאָס זענען פֿראַגעס אויף וועלכע איר־יעדער איינער פֿון אײַך—וועט דאַרפֿן געפֿינען אײַערע אייגענע ענטפֿערס.

איך בין געקומען רעדן צו אײַך וועגן איין וואָרט, און דאָס וואָרט איז צווישנדורותדיקייט. אין מײַנע צײַטן—און איך בין שוין אַרײַן אין אַן עלטערן דור—האָט מען דאָס גערופֿן די גאָלדענע קייט. איך בין אַן אַמעריקאַנער געבוירענע, געווען אַ סטודענט אין אַ ייִדישער שול און איך בין געוואָרן אַ לערערין. און מיך האָט מען געלערנט, אַז איך טראָג אַן אַחריות, אַן אַחריות צוצוגעבן צו דער לאַנגער גאָלדענער קייט מײַן רינג. דאָס הייסט המשך. אַז איך שטיי דאָ הײַנט לערן איך וועגן דעם נעכטן. און איך וויל פֿירן דעם נעכטן און דעם הײַנט צו אַ צוקונפֿט. דאָס איז המשך. דאָס זענען צווישנדורותדיקע איבערלעבונגען.

וואָס וועלן זײַן אײַערע צווישנ־דורותדיקע איבערלעבונגען? און וואָס מיינט צווישנדורותדיק?

(המשך אויפֿן נאָענטסטן זײַטל)

# צווישנדורותדיקייט (המשך)

טייל פֿון אײַך וועלן זײַן שרײַבערס, אָדער אויף ייִדיש אָדער אויף ענגליש. טייל פֿון אײַך ווילן זינגען ייִדישע לידער מיטן גוטן אויסשפּראַך, שיין און קלאָר מיט פּערפֿעקטע ייִדישע ווערטער. טייל פֿון אײַך ווילן זײַן פֿאָרשערס און קומען ניצן די ביבליאָטעק דאָ און באַרײַכערן דאָס וויסן פֿון מענטשן. טייל פֿון אײַך וועלן אַפֿילו ווערן ייִדיש־לערערס. צי איז דאָס צווישנדורותדיקייט?

איך צווייפֿל אין דעם. דאָס אַלץ איז אין אײַער וועלט פֿאַר זיך. דאָס וועט איר טאָן אין אײַער לעבן. איך האָב דאָ געהערט איין זאַך פֿון יאַנקלען וואָס האָט מיך פּשוט דערפֿרייט! אַז דאָ אין דער פּראָגראַם געפֿינט זיך אַ מאַמע מיט אַ טאָכטער וואָס לערנען זיך ייִדיש צוזאַמען. דאָס איז צווישנדורותדיקייט!

אָבער מע דאַרף האָבן ייִדיש־לערערס. ווּ נעמט מען ייִדיש־לערערס? מיר זענען געקומען צו אַ צײַט ווען ס'איז זייער שווער צו געפֿינען אַ גוטן ייִדיש־לערער. אין מײַן צײַט בין איך געגאַנגען אין אַ ייִדישן לערער־סעמינאַר. ווּ גייען הײַנט די וואָס ווילן ווערן ייִדיש־לערערס, וואָס ווילן האָבן אַ חלק אינעם פּראָצעס פֿון צווישנדורותדיקייט? ווּ גייען זיי? איך בין זייער צופֿרידן, וואָס דער עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פֿון ייִוואָ זיצט דאָ. אויב ס'איז דאָ אַן אָרט ווּ מע דאַרף האָבן אַ זעקסוואָכיקע פּראָגראַם, וואָס זאָל אויסשולן ייִדיש־לערערס איז דאָ אינעם ייִוואָ—נישט קיין אַנדער אינסטיטוציע! יאָ אויסשולן סטודענטן, אָבער יאָ אויסשולן לערערס.

איך וויל אײַך דערציילן אַ קאָמישע מעשׂה. איך ווייס נישט וויפֿל פֿון אײַך ווייסן, אַז אין 1951 איז דאָ אין ניו־יאָרק געווען אַ ייִדיש־וועלטלעכע טאָגשול, בלויז אַ קורצע צײַט: צוויי יאָר. און איך בין געווען די לערערין פֿון ייִדיש אין יענער ייִדישער טאָגשול.

דעמאָלט האָב איך געהאַט אַ חתן—וואָס איז מײַן מאַן שוין פֿון איבער 50 יאָר—און שיקל און איך זענען געגאַנגען שפּאַצירן נאָך דעם ווי ער איז געקומען מיך באַזוכן אין דער טאָגשול.



שירה שזיר און שמואליק ריטש־מאָנד פֿון דער קאַפּעליע „קלעזמאַניאַקן״ שפּילן פֿאַרן עולם בײַם סיום־הזמן 2002.

Shira Shazeer and Ken Richmond of the Klezmaniacs play a song at the 2002 *siyem-hazman.*

איך בין געווען אַ יונגע לערערין פֿול מיט האָפֿענונג, גלויבן, אָפּטימיזם. „איכ'ל איבערקערן די וועלט פֿון ייִדיש, מײַנע סטודענטן וועלן אַרויסגיין און רעדן ייִדיש, און קעמפֿערס וועלן זיי זײַן פֿאַר דער צוקונפֿט פֿון דער ייִדישער שפּראַך״. און איך גיב דאָס אַלץ איבער צו מײַן חתן—אויף ייִדיש, פֿאַרשטייט זיך—און שיקל זאָגט מיר, „וואָס רעדסטו? מיינסט, אַז דער בעסטער לערער אויף דער גאַנצער וועלט וועט דאָס קענען דערגרייכן?״

ס'איז מיר געווען אַזאַ שאָק. „וואָס הייסט, איך קען נישט?״ האָט ער געענטפֿערט, „אָן אַ געזעלשאַפֿט וועט ייִדיש נישט קענען לעבן. אָן אַ סבֿיבֿה וועט דער בעסטער לערער נישט קענען אויפֿטאָן דאָס וואָס דו ווילסט אויפֿטאָן״.

פֿאַר וואָס זאָג איך דאָס אײַך? איר פֿאַרענדיקט איצט די פּראָגראַם. איר גייט אַרויס אין דער ברייטער וועלט. דאָ האָט איר זיך באַהאַלטן. דאָ איז אײַך געווען וואַרעם און גוט, אָבער איצט גייט איר אַרויס אין דער אמתער וועלט. איר וועט האָבן קאָנפֿליקטן. איר וועט האָבן שפּאַנונגען. שפּאַנונג איז געזונט. מע וועט אײַך שטופּן אַהער און אַהין. „און ווּ בין איך און ווּ איז מײַן ייִדיש און ווּ איז מײַן ייִדישע צוקונפֿט״? און מיט דעם דאַרפֿט איר זיך ראַנגלען. ס'איז געזונט. איך וואָלט געזאָגט, אַז ראַנגלען זיך מיט ייִדיש איז געזונט. דאָקטוירים הייסן ראַנגלען זיך מיט ייִדיש.

און פֿאָדערן! פֿאָדערן! געבן אַ קלאַפּ אין טיש! ווּהין איר גייט זאָלט איר זאָגן, „מיר איז נישט גענוג נעמען אויף זיך אַן אַחריות צו שאַפֿן צווישנדורותדיקן המשך. דאָס וואָס איך האָב געלערנט, דאָס וואָס איך וועל לערנען דאַרף פֿירן צו מעשׂים!״ און די מאַמע און דאָס קינד וואָס זענען דאָ הײַנט צוזאַמען מיט אונדז זאָלן זײַן פֿאַר אײַך אַלעמען אַ מוסטער. דאָס איז די צוקונפֿט. די צוקונפֿט ליגט אין אַזאַ מין צווישנדורותדיקייט.

ווינטש איך אײַך אַלעמען, אַז איר זאָלט ממשיך זײַן, אַז איר זאָלט לערנען ווײַטער, אַז איר זאָלט פֿאָדערן ווײַטער. נישט נאָר אין דער גרויסער וועלט, נאָר דאָ אין ייִוואָ זאָלט איר פֿאָדערן. און איך פֿאָדער דאָס: מער ייִדיש אין ייִוואָ, מער קורסן אויף ייִדיש אין ייִוואָ, מער זשורנאַלן און ליטעראַטור צוויישפּראַכיקע. איך פֿאָדער אויך אַז דאָ זאָל מען לערנען ייִדיש־לערערס וואָס זאָלן פֿאַרשטיין וואָס דאָס איז צווישנדורותדיקייט.

איך באַגריס אײַך, איך דאַנק אײַך, איך ליב אײַך און איך שיק אײַך איבער מײַנע ברכות פֿון מײַן דור וואָס האָט דאָס אַלץ דורכגעמאַכט. אַ גרויסן דאַנק אײַך.

---

געלע פֿישמאַן איז דער גרינדער פֿון דער אַרכיוואַלער זאַמלונג פֿון די צפֿון־אַמעריקאַנער ייִדיש־וועלטלעכע שולן, וואָס געפֿינט זיך אין די ביבליאָטעקן פֿונעם סטאַנפֿאָרדער אוניווערסיטעט. זי איז אויך אַ ייִדישער פּאָעט.

## YIDDISH ACROSS GENERATIONS (CONT. FROM PAGE 4)

Some of you will be writers in either Yiddish or English. Some of you want to sing Yiddish with authentic pronunciation, with clear, perfect Yiddish words. Some of you want to be scholars and will come here to utilize the YIVO Library and enrich people's knowledge. Some of you will even be Yiddish teachers. Is this intergenerationality?

I have my doubts. All that is a part of *your* world. It is about what you will do in *your own* life. I just heard something from Yankl that thrilled me: that here in the *zumer-program* a mother and daughter are studying Yiddish together. Now that is intergenerationality!

But we must have Yiddish teachers. Where does one look for Yiddish teachers? We have reached a period where it is difficult to find a good Yiddish teacher. I attended a Yiddish teacher-training seminar. Today where are prospective Yiddish teachers who wish to add their ring to the *goldene keyt* supposed to go? I am pleased that the YIVO Executive Director is here in the audience. If there is a place where there should be a six-week program to train teachers, it is at YIVO—not at any other institution! Teaching students is important, but training teachers is essential.

Here is an amusing anecdote. I don't know how many of you know that in 1951, there was a secular Jewish day school in New York—only for two years. I was the Yiddish teacher in that Jewish day school. I had a fiancé then—who's been my husband now for over 50 years—and Shikl and I went for a walk after he came to meet me at the day school.

I was a young teacher then, full of hope, belief and optimism. "I will turn the Yiddish world upside down. My students will go out and speak Yiddish and they will fight for the future of the Yiddish language." And I say all this to my fiancé—in Yiddish, of course—and Shikl says, "What are you talking about? Do you think that the best teacher in the world can attain that goal?

I was shocked! "What do you mean, I can't?" He replied, "Yiddish will not be able to survive without its own environment. Without that, even the best teacher will not be able to accomplish what you want to accomplish."

Why am I telling you this? You have now reached the end of the *zumer-program*. You are about to go out into the wide world. Here you were sheltered. Here it was safe and warm, but now you are going out into the real world. You will have conflicts. You will experience tension. Tension is healthy. You will be pulled in many directions. "And where am I and where is my Yiddish and how does Yiddish fit into my future?" This is what you will have to struggle with. It's healthy. I would say that to struggle with Yiddish is healthy. Doctor's orders: struggle with Yiddish!

And make demands! Bang on the table! Wherever you go you should say, "It is not enough that I have taken responsibility to create *hemshekh* across the generations! Whatever I have learned and will learn must lead to action." And the mother and daughter who are here today should serve as a model for you. That is the future. The future consists of just such intergenerational actions.

May you all continue to learn! May you continue to make demands! Make demands not only out in the world, but right here in YIVO. And I demand more Yiddish at YIVO, more courses in Yiddish at YIVO, more bilingual journals and literature! I also demand that this be a center for the training of Yiddish teachers who will understand the concept of intergenerational learning.

I greet you, I thank you, I praise you and I send you blessings from my generation which made it through all this. Thank you so much.

---

Gella Fishman is the founder of the Yiddish Secular Schools of North America Archival Collection at Stanford University Libraries. She is also a Yiddish poet.



ROLAND MILLMAN

מרים־חיה סגל (רעכטס) שטעלט פֿיר איר אַרײַנפֿיר צום ליד „זינגענדיק“, וואָס איז אַראַנזשירט געוואָרן פֿון ראובֿן זעלמאַנען (לינקס).

## אַן אַרײַנפֿיר צו אַ ליד – אויף „בדחניש“ פֿון מרים־חיה סגל

אַ גוט־מאָרגן, אַ גוט־מאָרגן, בכּבֿודע לײַט,\
הײַנט וועלן מיר זינגען אַ שטיקל פֿאַר אײַך.\
מיר האָפֿן אַז דאָס ליד וועט אײַך געפֿעלן,\
אַז איר זאָלט פֿון פֿרייד און נחת קוועלן.\
אוי, טײַערער עולם, שטעלט זיך נאָר פֿאָר\
די קולות פֿונעם נײַעם דור.\
האַרציק און ייִדישלעך איז אונדזער קלאַנג,\
מיר וועלן אײַך דערקוויקן מיטן דאָזיקן געזאַנג.\
דאָס לידעלע, דאָס לידעלע איז געשריבן געוואָרן\
פֿון ווײַנפּער און לאַמקאָף צוריק מיט פֿיל יאָרן.

אונדזער חבֿר ראובֿן זעלמאַן האָט דאָס אַליין\
אַראַנזשירט\
און ער האָט די חבֿרה פֿעיִק אָנגעפֿירט.\
מיר ברענגען אײַך דאָס לידעלע מיט האָפֿענונג\
און מוט,\
מיט חלומות פֿון אַ וועלט אָן טרויער און אָן\
בלוט.\
טאָ הערט זיך צו, מיט כּבֿוד אַ סך\
פֿאַר דער גבֿורה און חן פֿון דער ייִדישער שפּראַך.

Amanda Seigel (right) chanting her introduction to the song *Zingendik*, as Reuven Zellman, the song's arranger, looks on.

# YIVO ON THE MOVE

We at YIVO are proud to present a selection of our recent activities and accomplishments. To find out more about YIVO's activities in general, become a YIVO member and receive each issue of *Yedies fun YIVO / YIVO News*. And visit the YIVO website: <www.yivo.org>.

**Online Photo Catalog of Jewish Life in Eastern Europe**

August 14, 2002—A new, online edition of YIVO's *People Of A Thousand Towns*, a videodisc of over 15,000 photographs of Jewish life in Eastern Europe, is now available to visitors in YIVO's shared reading room at the Center for Jewish History at 15 West 16th Street, New York City, open to the public Monday-Thursday, 9:30-5:15.

**CD Release of Works of Vladimir Heifetz**

August 15, 2002—YIVO released a new CD, *Songs Are All I Have: The Musical Legacy of Vladimir Heifetz*. Produced by **Donna Gallers (alum '99-'00)**, this recording draws much of its material from the Vladimir Heifetz collection, established in 1980 by his wife Pearl in the Music Archives of YIVO. Production was underwritten by the Estate of Vladimir and Pearl Heifetz.

**English Translation of Herman Kruk's *Diary of the Vilna Ghetto* Published**

September 24, 2002—YIVO celebrates the publication of *The Last Days of the Jerusalem of Lithuania: Chronicles from the Vilna Ghetto and the Camps, 1939-1944* — the English translation of the diaries of Herman Kruk, an activist from Warsaw who fled to Vilna at the beginning of World War II. Published in cooperation with Yale University Press, this edition was edited by Benjamin Harshav and translated from the original Yiddish by Barbara Harshav.

**Just Published: Anthology of Jewish Youth Autobiographies, YIVO Contest Entries from 1930s**

October 15, 2002—The publication of *Awakening Lives: Autobiographies of Jewish Youth in Poland Before the Holocaust* was fêted by YIVO. This important anthology, published by Yale University Press in cooperation with YIVO and edited by **Jeffrey Shandler (alum '82-'84)**, gives an intimate and moving glimpse into the lives of Polish Jewish youth before the destruction of World War II.

---

The above books and recordings can be purchased from The Shop in the Center for Jewish History (917-606-8220) and at the Workmen's Circle Jewish Book Center (800-922-2558, ext. 285).

# דער ייִוואָ רירט זיך

מיר גיבן דאָ איבער אַן אָפּקלײַב פֿון אונדזערע נײַסטע אויפֿטוען. אויב איר ווילט זיך דערוויסן אַלצדינג וואָס מיר טוען זאָלט איר ווערן אַ מיטגליד און באַקומען יעדן נומער ידיעות פֿון ייִוואָ. גיט אויך אַ קוק אויפֿן וועבזײַטל פֿונעם ייִוואָ: <www.yivo.org>.

**קאָמפּיוטעריזירטער פֿאָטאָ־קאַטאַלאָג פֿון ייִדישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע איצט גרייט**

אויגוסט 14, 2002: אַ נײַע קאָמפּיוטעריזירטע אויסגאַבע פֿון „ייִדן פֿון טויזנט שטעטלעך“, דעם ייִוואָס אַווידעאָדיסק מיט איבער 15,000 פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון ייִדישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע, איז איצט גרייט פֿאַר פֿאָרשערס אינעם בשותּפֿותדיקן לייענזאַל אינעם צענטער פֿאַר ייִדישער געשיכטע, 15 וועסט 16טער גאַס, ניו־יאָרק. דער לייענזאַל איז אָפֿן מאָנטיק ביז דאָנערשטיק, 9:30-5:15.

**נײַ קאָמפּאַקטל מיט ווערק פֿון וולאַדימיר חפֿץ**




אויגוסט 15, 2002: דער ייִוואָ האָט אַרויסגעגעבן אַ נײַ קאָמפּאַקטל, „לידער–אַלץ וואָס איך פֿאַרמאָג: די מוזיקאַלישע ירושה פֿון וולאַדימיר חפֿץ“, פּראָדוצירט פֿון **דינה פּאַט גאַלערס (אַלומ' '99-'00)**. אַ סך פֿון די מאַטעריאַלן פֿאַר דעם קאָמפּאַקטל נעמען זיך פֿון דער זאַמלונג פֿון וולאַדימיר חפֿץ, וואָס זײַן אַמלנה פּערל האָט אין 1980 אויפֿגעשטעלט אינעם מוזיק־אַרכיוו פֿון ייִוואָ. די פּראָדוקציע איז געשטיצט געוואָרן לויט דער צוואָה פֿון וולאַדימיר און פּערל חפֿץ.

**אַרויס די ענגלישע איבערזעצונג פֿון הערמאַן קרוקס טאָגבוך פֿון ווילנער געטאָ**

סעפּטעמבער 24, 2002: דער ייִוואָ האָט געיום־טובֿט דאָס אַרויסקומען פֿון דער ענגלישער איבערזעצונג פֿונעם טאָגבוך פֿון הערמאַן קרוק, אַ וואַרשעווער בונדיסט וואָס איז בײַם אָנהייב פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַנטלאָפֿן קיין ווילנע. די אויסגאַבע איז רעדאַקטירט געוואָרן דורך בנימין הרשבֿ, איבערגעזעצט פֿון ייִדיש דורך באַרבאַראַ הרשבֿ און אַרויסגעגעבן געוואָרן בשותּפֿות מיטן פֿאַרלאַג פֿון יעיל־אוניווערסיטעט.

(המשך אויפֿן נאָענטסטן זײַטל)



אַבֿרהם נאָווערשטערן מיטן ווײַטהאַלטער־קלאַס, 1997.

Avrom Nowersztern and the Advanced class, 1997.

## ALUMNI IN PRINT

YIVO is proud to list here a selection of works by *zumer-program* alumni. If you would like your publication to be listed in the next issue of *Zumer in nyu-york*, please submit complete bibliographic information to Yankl Salant via e-mail: <ysalant@yivo.cjh.org>.

### BOOKS

**Joel Berkowitz (alum ’90-’91).** *Shakespeare on the American Yiddish Stage*. Iowa City: University of Iowa, 2002.

**Gella Schweid Fishman (alum ’74-’75).** *In shtile shoen: lider.* Hoboken: Ktav, 2002.

**Dara Horn (alum ’01).** *In the Image.* New York: W.W. Norton, 2002.

**Troim Katz Handler (alum ’91).** *Simkhe: epistolarishe libelider = Simkhe (Celebration): Love-Letter Poems*. Translated by Shimon Beyles; preface by Dovid Katz. Milwaukee : International Association of Yiddish Clubs, 2001.

**Karina von Tippelskirch (alum ’94).** *“Also das Alphabet vergessen?”: die jiddische Dichterin Rajzel Zychlinski*. Marburg: Tectum Verlag, 2000.

### DISSERTATIONS

**Dror Abend-David (alum ’99-’00).** *Scorned My Nation: A Comparison of Translations of* The Merchant of Venice *into German, Hebrew, and Yiddish*. Ph.D. dissertation, New York University, 2001.

**Ellen Kellman (alum ’84-’85).** *The Newspaper Novel in the* Jewish Daily Forward *(1900-1940): Fiction as Entertainment and Serious Literature*. Ph.D. dissertation, Columbia University, 2000.

**Michaela Heller Safadi (alum ’95).** *Yiddish: Its Survival in an English-Dominant Environment*. Ph.D. dissertation, University of California at Los Angeles, 2000.

**Sarah Abrevaya Stein (alum ’93).** *The Creation of Yiddish and Judeo-Spanish Newspaper Cultures in the Russian and Ottoman Empires*. Ph.D. dissertation, Stanford University, 1999.

**Jennifer Anne Sylvor (alum ’90-’91).** *Literary Impersonations: On the Development of National Prose Traditions in Russian and Yiddish*. Ph.D., University of California at Berkeley, 2000.

**Bettina Warnke (alum ’89-’91).** *Reforming the New York Yiddish Theater: The Cultural Politics of Immigrant Intellectuals and the Yiddish Press, 1887-1910*. Ph.D. dissertation, Columbia University, 2001.

**Keith Ian Weiser (alum ’94).** *The Politics of Yiddish: Noyekh Prilutski and the* Folkspartey *in Poland, 1900-1926*. Ph.D. dissertation, Columbia University, 2001.

## דער ייִוואָ רירט זיך (המשך)

**ערשט אַרויס פֿון דרוק די זאַמלונג פֿון פּויליש־ייִדישע יוגנט־אויטאָביאָגראַפֿיעס, אײַנגעבונגען אויף ייִוואָ־קאָנקורסן פֿון די 30ער יאָרן**




אָקטאָבער 15, 2002: דער ייִוואָ האָט געפּראַוועט דאָס אַרויסקומען פֿון אַ זאַמלונג אויטאָביאָגראַפֿיעס געשריבן פֿון ייִדישער יוגנט אין פּוילן פֿאַרן חורבן און איצט איבערגעזעצט אויף ענגליש. די וויכטיקע זאַמלונג, אַרויסגעגעבן פֿונעם פֿאַרלאַג פֿון יעיל־אוניווערסיטעט בשותּפֿות מיטן ייִוואָ און רעדאַקטירט פֿון **יחיאל־אַבא שאַנדלער (אַלומ׳ 82’-84’)**, גיט אונדז אַן אינטימען, רירנדיקן בליק אויפֿן לעבן פֿון יונגע ייִדן ערבֿ דער צווייטער וועלט־מלחמה.

מיט באַשטעלונגען טעלעפֿאָנירט אין דער קראָם פֿונעם צענטער פֿאַר ייִדישער געשיכטע (917-606-8220) אָדער דעם ביכער־צענטער בײַם אַרבעטער־רינג (212-889-6800, ליניע 285).

## HELP US FIND MORE OF YOU!

**Alumni Database Report**

There are 1303 records of alumni through summer 2002. Of those, 243 are completely missing addresses, and of the 1060 addresses we do have, many are out of date. Notwithstanding, we are pleased to report that 199 information questionnaires (respresenting 15% of all alumni) have been received to date. However, we want a higher return!

**Help With Our Database**

How do we achieve a higher return? We need your help. If you have not sent us your questionnaire, please contact Yankl Salant to obtain one. Or you can fill it out directly online at <www.yivo.org>. Click on the “Courses” link at the bottom of the page. Then click on the “Uriel Weinreich Program” link on the left, then the “Alumni Questionnaire” link on the left.

Send us names and addresses of other alumni with whom you are still in contact. We will do the rest. We just need the name of the person (including current name and name used during the *zumer-program*), their mailing address, e-mail address and phone number.

Contact Yankl Salant at YIVO, 15 W. 16 St., NY, NY 10011-6301, USA; e-mail <ysalant@yivo.cjh.org>; direct line 212-294-6138; fax 212-292-1892.

(CONT. FROM PAGE 1)

## RADENSKY AND YIDDISH

sentence, I felt as if I were delving into a Talmudic passage. I was falling deeply in love with Yiddish. I had to know more.

Assisted by a scholarship, I enrolled in the Uriel Weinreich Program in the summer of 1988. There, I was introduced to the biblical translation of Yehoash, the writings of Y.L. Peretz and the development of Klezmer music. I acquired a considerable degree of fluency that summer. I even gave a presentation—*farshteyt zikh, in gantsn af yidish*—on the esoteric topic of how to make compost.

Thanks to the *zumer-program*, I was now able to explore Yiddish literature and culture from an insider's perspective. After completing my second Masters, this time at Columbia University, I began doctoral studies in East European Jewish History at the Jewish Theological Seminary. Both at Columbia and JTS, I sought out Yiddish materials as the subjects of my research. When it came time to choose a dissertation topic, I purposely selected one that would require Yiddish primary sources, many of which are found at YIVO. The title of the dissertation is *Hasidism in the Age of Reform: A Biography of Rabbi Duvid ben Mordkhe Twersky of Tal'noye.*

While completing my doctorate, I became the administrator of the Sholem Aleichem Shul 21 Cultural Center in the Bronx. There, I had the privilege to work with the Schaechter, Gottesman and Fishman families. Their Yiddish activism and love for Yiddish language and culture will always be an inspiration for me. I soon obtained more Yiddish-related work. I began at the Congress for Jewish Culture, and then became a photo-archivist for the *Forverts*. From the *Forverts*, I was hired by the YIVO Institute to organize the papers of the Vilna *kehile*. Every day, I read and held the papers of such leading cultural figures as Zemach Shabad, Max Weinreich, and Rabbi Chaim Ozer Grodzinsky.

I am now Assistant Director of the Bronfman Center for Jewish Life at the 92nd Street "Y." So far at the "Y," I have taught classes in Yiddish literature and led Yiddish language discussion groups. An offering I foresee at the "Y" would be a Yiddish song workshop, so that those of us whose repertoires consist of not much more than "*Tum Balalaika*" and "*Afn Pripetshik*" can know the richness of our musical heritage. It is also my dream one day to produce a Yiddish play. These are some of the ways I plan to share our cultural treasures with the broader Jewish community.

## ראַדענסקי און ייִדיש

(המשך פֿון זײַטל 1)

אין סעמינאַר האָב איך געזוכט אַלערליי מאַטעריאַלן אויף ייִדיש פֿאַר מײַן פֿאָרשאַרבעט. ווען עס איז געקומען די צײַט אויסצוקלײַבן אַ דיסערטאַציע־טעמע, האָב איך זיך ספּעציעל אָפּגעשטעלט אויף אַ טעמע וואָס וועט פֿאָדערן איבער הויפּט ייִדישע מקורים, צווישן זיי אַ סך וואָס געפֿינען זיך אין ייִוואָ. דער טיטל פֿון דער דיסערטאַציע איז „חסידיזם אין דער תּקופֿה פֿון רעפֿאָרעם: אַ ביאָגראַפֿיע פֿון ר׳ דוד בן מרדכי טווערסקי, דער טאָלנער".

בעתן פֿאַרענדיקן מײַן דאָקטאָראַט בין איך געווען דער אַדמיניסטראַטאָר פֿון שלום־עליכם־שול 21 אין דער בראָנקס. דאָרט האָב איך געהאַט די זכיה צוזאַמענצואַרבעטן מיט די משפּחות שעכטער, גאָטעסמאַן און פֿישמאַן. זייער ליבשאַפֿט און טאָן פֿאַר דער ייִדישער שפּראַך און קולטור וועט מיך אייביק אינספּירירן. שפּעטער האָב איך געקראָגן נאָך אַרבעט מיט אַ שײַכות צו מאַמע־לשון: קודם אין ייִדישן קולטור־קאָנגרעס און נאָך דעם ווי אַ פֿאָטאָאַרכיוויסט בײַם פֿאָרווערטס. איך האָב אויך געאַרבעט אין ייִוואָ בײַם אָרגאַניזירן די מאַטעריאַלן פֿון דער ווילנער קהילה. דאָס אָנרירן און לייענען יעדן טאָג די פּאַפּירן פֿון אַזעלכע גדולים ווי צמח שאַבאַד און מאַקס ווײַנרײַך איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעכע איבערלעבונג!

איצט בין איך דער געהילף־דירעקטאָר פֿון בראָנפֿמאַן־צענטער בײַ דער 92סטער גאַס־"ווײַ". דאָרטן האַלט איך לעקציעס וועגן ייִדישער ליטעראַטור און פֿיר אָן דיסקוסיע־גרופּעס אויף ייִדיש. איך זע פֿאָרויס, אַז די "ווײַ" זאָל אײַנפֿירן אַ ייִדישן געזאַנג־וואַרשטאַט, כּדי די וואָס זייער רעפּערטואַר באַשטייט בלויז פֿון „טום באַלאַלײַקאַ" און „אויפֿן פּריפּעטשיק" זאָלן האָבן די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט דער רײַכקייט פֿון אונדזער מוזיקאַלישער ירושה. איך חלום אויך וועגן אַ מאָל אויפֿפֿירן אַ פּיעסע אין ייִדיש. דאָס זײַנען טייל פּלענער מײַנע אויף צו באַקענען דעם ברייטן ייִדישן ציבור מיט אונדזערע קולטור־אוצרות.



*Siyem-hazman*, 1983.

סיום־הזמן, 1983.


**Refresh Your Yiddish!**

**פֿרישט אָפּ אײַער ייִדיש!**

**URIEL WEINREICH PROGRAM 2003**

June 23 - August 1. Contact Yankl Salant for information on how to register: tel 212-294-6138 • fax 212-292-1892 ysalant@yivo.cjh.org

# FRIENDS OF THE *ZUMER-PROGRAM*

The *zumer-program* has been in existence for 35 years. It has been developing and growing each year and is the best program in the world for those seeking to immerse themselves in Yiddish language and culture for an intensive period.

YIVO would not be able to run such a successful program without the support of people who have dedicated themselves to its mission and have decided that it should continue each year with needed financial assistance.

Naturally we would like to honor those individuals and foundations who have given and still give that kind of support. Here is a list of endowments, scholarship funds and recent supporters, without which our students would not be able to attend the program.

# פֿרײַנד פֿון דער זומער־פּראָגראַם

די זומער־פּראָגראַם עקסיסטירט שוין 35 יאָר. זי אַנטוויקלט זיך און וואַקסט יעדעס יאָר און איז די בעסטע פּראָגראַם אויף דער וועלט פֿאַר די וואָס ווילן אויף אַן אינטענסיוון אופֿן זיך לערנען און פֿאַרטיפֿן אין דער ייִדישער שפּראַך און קולטור. דער ייִוואָ וואָלט נישט געקענט אָנפֿירן אַזאַ הצלחהדיקע פּראָגראַם אָן דער שטיץ פֿון מענטשן וואָס האָבן זיך איבערגעגעבן איר מיסיע, וואָס האָבן באַשלאָסן צו זען, אַז זי זאָל ממשיך זײַן יעדעס יאָר אַ דאַנק זייער פֿינאַנציעלער שטיץ.

נאַטירלעך ווילן מיר אָפּגעבן כּבֿוד די יחידים און פֿונדאַציעס וואָס האָבן געגעבן און גיבן נאָך אַזאַ שטיץ. אָט זײַנען אויסגערעכנט אַלע סטיפּענדיע־פֿאָנדן און אַנומלטיקע שטיצערס, וואָס אָן זיי וואָלטן זיך ס׳רובֿ סטודענטן נישט געקענט פֿאַרגינען דעם שׂכר־לימוד.

## Scholarship Funds and Recent Contributors

Dore Anisman
Dr. Zellig Bach Scholarship Fund
Rev. Samuel A. Baker Memorial Scholarship
Lillian and Joel Cohen
Dr. Jaime Constantiner
Leah (Manya) Eisenberg Scholarship Fund
Sara Feinstein
Aaron and Sonia Fishman Foundation for Yiddish Culture
Forward Association
Paul (Hershl) Glasser (alum ’81, ’82)
Abe Goldberg Yiddish Language Scholarship Fund
Ester Kodor Koyn-Priz Far Yidish-Lerers
Frances Litwer Krasnow Memorial Scholarship
Nita Binder Kurnick Scholarship
Shmuel Lapin Memorial Scholarship
Leib Lensky Scholarship Fund in Memory of Sara and Meir Kshiensky
The Max and Anna Levinson Foundation
Sara Norich Memorial Scholarship
Scholarship in Memory of Brucha Patt
Golda Masha Plotkin Scholarship
Bessy L. Pupko Scholarship Fund in Memory of Zelig, Abraham and Joseph (Osia) Pupko and Paula Pupko Olkenitzkaya
Stuart Schear (alum ’75, ’76, ’78)
The Ruth & Misha Schneider Memorial Fund
Sholem Aleichem Shul 21 Cultural Center
Louis Williams Scholarship Fund
Norman and Rosita Winston Scholarship Fund
Harry and Celia Zuckerman Scholarship

## סטיפּענדיע־פֿאָנדן און אַנומלטיקע שטיצערס

סטיפּענדיע־פֿאָנד א״נ לאה (מאַניע) אײַזנבערג
אָשר־זליג אַניסמאַן
סטיפּענדיע אין אָנדענק פֿון רעוו׳ שמואל א. בעקער
סטיפּענדיע־פֿאָנד א״נ ד״ר זעליג ב״ק
סטיפּענדיע־פֿאָנד פֿאַר ייִדישער שפּראַך א״נ אַבֿרהם גאָלדבערג
הערשל גלעזער (אַלומ׳ 81׳, 82׳)
סטיפּענדיע־פֿאָנד א״נ לויִס וויליאַמס
סטיפּענדיע־פֿאָנד א״נ נאָרמאַן און ראָזיטאַ ווינסטאָן
ליליען און יואל כּהן
סטיפּענדיע אין אָנדענק פֿון שמואל לאַפּין
די מאַקס און אַנאַ לעווינסאָן־פֿונדאַציע
סטיפּענדיע אין אָנדענק פֿון שׂרה נאָריך
סטיפּענדיע אין אָנדענק פֿון ברוכה פּאַט
בתיה ל. פּופּקאָ־סטיפּענדיע־פֿאָנד אין אָנדענק פֿון זעליג, אַבֿרהם און יוסף (אָסיאַ) פּופּקאָ און פּאָלאַ פּופּקאָ אָלקעניצקאַיאַ
סטיפּענדיע א״נ גאָלדע מאַשע פּלאָטקין
פֿאָרווערטס־אַסאָסיאַציע
שׂרה פֿײַנשטיין
אַהרן און סאָניע פֿישמאַן־פֿונדאַציע פֿאַר ייִדישער קולטור
סטיפּענדיע א״נ האַרי און צעליע צוקערמאַן
אסתּר קאָדאָר כּהן־פּריז פֿאַר ייִדיש־לערערס
ד״ר חיים קאָנסטאַנטינער, ז״ל
סטיפּענדיע א״נ ניטאַ בינדער קורניק
סטיפּענדיע אין אָנדענק פֿון פֿראַנסיס ליטווער קראַסנאָוו
לייב לענסקי־סטיפּענדיע אין אָנדענק פֿון שׂרה און מאיר קשענסקי
שלמה שער (אַלומ׳ 75׳, 76׳, 78׳)
שלום־עליכם־שול 21־קולטור־צענטער



חנה קופּער פֿירט אָן מיטן געזאַנג־וואַרשטאַט, 2000.
Adrienne Cooper leads the folksong workshop, 2000.


**For information about Planned Gifts to YIVO, contact Ella Levine, Director of Development: 212-294-6128.**

**REMEMBER YIVO IN YOUR WILL**

**שרײַבט ייִוואָ אַרײַן אין אײַער צוואָה**

**כּדי אויסצוגעפֿינען וועגן פּלאַנירטע מתּנות דעם ייִוואָ, פֿאַרבינדט זיך מיט עלאַ לעווין, אַנטוויקלונג־דירעקטאָר: 212-294-6128.**


**Contribute to *ZUMER IN NYU-YORK* !**
**Write about your Yiddish activities.**
**E-mail Yankl Salant at <ysalant@yivo.cjh.org>.**